**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 3/31/2022 **גאווערנער קעטי האוקול**

**סטעיטמענט פון גאווערנער קעטי האוקול אויף פינאנץ-יאר 2023 בודזשעט**

״דאס איז א קריטיש-וויכטיגער צייט אין ניו יארק׳ס עקאנאמישע ערהוילונג,ש און איך בין אנטשלאסן צו פארזיכערן אז אונזער סטעיט בודזשעט שפיגלט אפ ניו יארק׳ס פריאריטעטן און נעמט זיך צו די וויכטיגסטע פראבלעמען וואס מיר שטייען אויס. פון פארבעסערן פובליק זיכערהייט ביז שטיצן קלענערע ביזנעסער, זענען די אלע וויכטיגע און קאמפליצירטע פראבלעמען, און מיר דארפן זיי פאסיג אויספירן.

איך זעץ פאר ווייטער צו האבן פראדוקטיווע געשפרעכן מיט מאיאריטעט פירער סטועט-קוזינס און ספיקער היעסטי און איך בין דאנקבאר פאר זייער צוזאמארבעט און אויפריכטיגע צוגאנג צו די פארהאנדלונגען. מיר קומען נאענטער צו אן אפמאך, מיט איינשטימונג אויף הויפט פּאָליסי איינצלהייטן.

ניו יארקער זאלן וויסן אז פארשריטן ווערן געמאכט און אז מיר וועלן אריינלייגן די צייט וואס פארלאנגט זיך אויף צו גרייכן אן אפמאך וואס ברענגט זיי רעזולטאטן און ציעט אונזער סטעיט אויף פאראויס.״

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418